שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ ״אחד״

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה״צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

מאמר
**״אמונה פשוטה״**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ב׳**
חודש אדר א׳ שנת תשפ״ב לפ״ק

# להעלות נר תמיד

התודה והברכה לכבוד ידידנו הנכבד, רודף צדקה וחסד
ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, אוהב תורה ולומדיה, נודע
לשם ולתהלה בתוך עם סגולה

**ה"ה מוה"ר יוסף מרדכי כהנא נ"י**

**שברוב נדיבת ורחבת לבו, קנה מקח טוב לעצמו.
להיות מעמודי התווך ולקנות נר תמיד במנורת
המאור הזה מידי חודש בחדשו.**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות הרבצת תורה,
תפילה, אמונה, ויהדות, וזכות הגה"צ שליט"א,
יעמוד לו ולזרעו עד עולם שלא תמוש
התורה מפיהם, מתוך נחת
והרחבה כל הימים.

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


געזונטע כלים ............ א
"משה משה" לא פסיק טעמא ............ ב
אמונה למעלה מנבואה ............ ג
פארגעסן די 'תכסיסי מלחמה' ............ ה
דער אלטער אלטער גאט! ............ ז
המתקת הדינים על-ידי האמונה הפשוטה ............ ט
די געשמאקע אמונה! ............ יא
הוחילי לאלקים ............ יב
"ומפניך אסתר" ............ יג
אמונה הוא הדביקות! ............ יד
'אמונה פשוטה' - דאס זענען געווען די אבות! ............ יז
"מלך עוזר ומושיע ומגן" ............ יח
זיך נישט שרעקן פאר קיינעם! ............ יט
דער בעסטער אדוואקאט! ............ כ
רבונו-של-עולם, נעם מיר נישט צו דעם בטחון! ............ כא
רבונו-של-עולם, ווארף מיר נישט אוועק! ............ כב
דברי וטרי עדי לקששותא ............ כג
אפילו הגרוע שבגרועים ............ כג
וויס דיינע כוחות! ............ כד
"טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ" ............ כה
מטר בשביל יחיד ............ כה
אויף וועמען זאלסטו רחמנות האבן?! ............ כו
ריח בוגדיו ............ כז
איך בין נישט קיין איד?!... ............ כז
א מאמין פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק... ............ כח
...ולא בעל יסורים ............ ל
דערציילן מעשיות ביים שבת טיש ............ לא
בשעה שהחכם יושב ודורש ............ לב

# מאמר ב'

## "אמונה פשוטה"

### געזונטע כלים

צו דינען דעם אויבערשטען דארף מען האבן א געזונטן גוף און א געזונטן מח. עס איז היינט אזא שוואכער דור; 'זיי' (הדורות הראשונים) האבן געקענט האבן פחד – "גיהנום פתוחה מתחתיו" - און דן זיין כהלכה[א]. ביי אונז, אז איינער זאל שפירן 'גיהנום פתוחה מתחתיו' - שוין, פערטיג, ער קען שוין נישט לערנען קיין בלעטל גמרא, ער קען שוין קיין ברכה נישט מאכן. מיר האבן נישט קיין כלים, מיר האבן נישט די פילע כלים אויף דעם.

מען האט געזעהן ביי די צדיקים אזא פחד אלקים וואס 'איום ונורא' - אונז האבן די כלים אויף דעם? - און דאס איז ביי (- כלפי) פחד אלקים; **און צו האבן אזא אהבה צום אויבערשטן, אזא שמחה צום אויבערשטן, דארף מען האבן** (אויך) **א געזונטן כלי!**

דאס איז טאקע דער ענין פון "אין הקדוש-ברוך-הוא משרה שכינתו אלא על חכם גיבור ועשיר"[ב]. אנדערע טייטשן 'גיבור' איז 'מתגבר על יצרו'; אבער אנדערע טייטשן אז 'גיבור' איז טאקע פשוט א 'גיבור', אז ער דארף האבן א 'כח' אזוי ווי עס שטייט[ג] ביי דניאל'ן

---

**א.** עי' גמ' סנהדרין ז ע"א, ובתנחומא משפטים, פ"ו: "ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן: **לעולם יראה הדיין את עצמו כאילו חרב מונחת לו בין ירכותיו וגיהנום פתוחה לו מתחתיו** שנאמר (שיה"ש ד'): הנה מטתו שלשלמה וגו' מפחד וגו' מפחד בלילות מפחדה של גיהנם שהיא חשכה כלילה".

**ב.** גמ' נדרים לח.

**ג.** דניאל ז, טו.

- אז זיין נשמה איז שיעור ארויס פון דעם שיידל. דער גוף איז דער שיידל.

און דאס איז געווען טאקע די מעלה פון משה רבינו - 'עומד על רגליו'[ד] און גערעדט (מיטן אויבערשטן) 'פנים בפנים'; און זיי (די נביאים) פלעגן פאלן, די גוף האט נישט געקענט אויסהאלטן. וועגן דעם, זאגט ער[ה], די גוף (- וכח הגוף כָּשל ועשתנותיהם מתטרפות) בשעת'ן איבערגעבן די נבואה; צו דעם האבן זיי געדארפט זיין גיבורים אדירים.

## "משה משה" לא פסיק טעמא

איך האב אמאל געזעהן, דער זוהר זאגט[ו]: אז '"אברהם אברהם"[ז] פָּסִיק טַעְמָא'; דער אויבערשטער האט געזאגט "אברהם אברהם".

דער עולם ווייסט נישט [אין 'אוצרות חיים' שטייט עס מפורש[ח]]: סתם אלעמאל שטייט א ליגעדיגער פַּסַק'ל [כזה: - ], דאס רופט זיך 'פסק מקף' - דאס איז מחבר איין ווארט צום צווייטן; און אמאל שטייט צווישן איין ווארט אין דעם אנדערן, א שטייעדיגער 'פַּסַק' [כזה: | ] - א 'מפריד'; דאס גייט אריין ביי אונז אין די טעמים (המקרא), וויבאלד דאס איז מחלק און מדבק.

ביי "אברהם אברהם" על פי דקדוק, שטייט אינמיטן א פסק'ל

---

ד. עי' ברמב"ם הל' יסודי התורה פ"ז, ה"ו

ה. עי' ברמב"ם שם ה"ב: **"וכולן כשמתנבאים אבריהן מזדעזעין"**.

ו. זוה"ק וירא קכ:, ובעוד מקומות: "וַיִּקְרָא אֵלָיו מַלְאַךְ ה' וְגוֹ', פָּסִיק טַעְמָא בְּגַוַּויְהוּ, דְּלָאו אַבְרָהָם בַּתְרָאָה כְּקַדְמָאָה. בַּתְרָאָה (דף קכ ע"ב) שְׁלִים (נשא קלח א) קַדְמָאָה לָא שְׁלִים. כְּגַוְונָא דָא: שְׁמוּאֵל שְׁמוּאֵל; בַּתְרָאָה שְׁלִים, קַדְמָאָה לָא שְׁלִים. בַּתְרָאָה נָבִיא, קַדְמָאָה לָא נָבִיא. **אֲבָל מֹשֶׁה מֹשֶׁה, לָא פָּסִיק, בְּגִין דְּמִיּוֹמָא דְּאִתְיְילִיד לָא אַעֲדֵי מִנֵּיהּ שְׁכִינְתָּא**".

ז. בראשית כב, יא.

ח. בשער אדם קדמון.

(מפריד); (אזוי אויך ביי) "יעקב יעקב" און "שמואל שמואל"; אבער ביי משה שטייט נישט – 'לא פסיק טעמא'. האב איך געזעהן אין א ספר, דאכט זיך מיר, אין 'תולדות אהרן', א שיינעם פשט אויף דעם: אברהם אבינו איז געווען אברהם אבינו - ווער האט אן השגה אין אברהם אבינו?! - און אז ער האט געהערט פונעם אויבערשטן דעםווארט "אברהם", האט ער באקומען אזא מין אימה ופחד, אזא מין דביקות, אז ער איז געווארן שוין אן אנדער מענטש, איז ביים צווייטן אברהם איז שוין געווען א צווייטער אברהם, דערפאר איז פסיק טעמא.

ביי דעם ערשטן 'אברהם' האט מען אים געגעבן א דערוועק פון זיין קדושה אז ער זאל גיין העכער און העכער! דאס אליין וואס ער האט נאר געהערט וואס דער אויבערשטער רעדט צו אים - איז שוין געווארן א צווייטער אברהם; ממילא שטייט דאס 'פסיק טעמא', ווייל עס איז א חילוק פון דעם פריערדיגן 'אברהם' צו דעם אנדערן 'אברהם'.

**אבער משה רבינו דורך 'גודל אמונתו' איז געווען אזוי שטארק, אז ער איז כסדר געווען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן מיט אזא אמונה, אז עס איז נישט געווען קיין חילוק פונעם ערשטן "משה" ביזן צווייטן "משה", ער איז מתחילה געווען מוכן לכך!**

אט דאס הייסט כלים - 'אזוי רעדט מען'! פשט איז (- וכמו-כן:) 'אזוי עסט מען'; 'אזוי טרינקט מען'; דאס איז דאך א מורא'דיגער זאך! מען דארף האבן בפשטות א גוף חזק, ממש אזוי.

## אמונה למעלה מנבואה

טאקע דער אמת איז אזוי; אמונה! דער רבי זאגט מפורש אין תורה י"ח[ט]; אז **"מיט אמונה קען מען משיג זיין מער ווי מיט נבואה; ווייל אמונה קען גיין העכער און העכער!"**[י].

ט. עיי"ש אות ב' ואות ה'.

י. עי' בספה"ק שיחות הר"ן שיחה ל"ב, וז"ל: "חכמה דקדושה הוא למעלה מאמונה, אבל אף על פי כן אנו צריכים לבלי לילך בחכמות וחקירות רק באמונה לבד כי

דער רבי גיט א כלל - און אזוי שטייט ביי צדיקים - אז 'מגודל אמונתם' הייבן זיי אן צו שפירן[יא]; אבער דאס איז נאר מצד די 'אמונה'.

"**עין לא ראתה**"[יב], איז פשט, מיט 'עין', מיט די 'נבואה' (ע"ז נאמר: "לא ראתה"); אבער מיט אמונה קען מען גלייבן 'און שפירן'!

מיט דעם פארענטפערן זיי די קשיא וואס רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט: "**משה לא ידע ואנא ידע**"[יג]; ווייל משה רבינו בבחינתו אין נבואה איז ער נישט צוגעקומען צו דעם פלאץ, אבער מיט רבי שמעון'ס מדריגה (באמונה) איז ער יא אנגעקומען צו דעם פלאץ. רבי שמעון מיט זיין מדריגה איז צוגעקומען צו דעם פלאץ ווי משה רבינו איז נישט צוגעקומען מיט זיין מדריגה (פון נבואה)[יד].

דאס הייסט, נישט ער איז עפעס געווען גרעסער ווי משה רבינו; נאר משה רבינו האט געהאט זיין מדריגה אין אמונה; און רבי שמעון'ס (זאך) איז געווען השגה; איז משה רבינו - נישט מיט השגה האט ער עס משיג געווען - (נאר בנבואה); אבער וויבאלד ער האט עס

---

אמונה הוא דבר חזק מאד. **ואזי כשהולך באמונה לבד בלי חקירות וחכמות אזי זוכה לבוא לבחינת רצון שהוא למעלה אפלו מחכמה**".

**יא.** בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, שם סי' י"ח אות ב', וזל"ק שם: "ודע, שהתכלית של הבריאה הוא שעשוע עולם הבא. ואי אפשר לקרב זאת התכלית למחשבות בני אדם, כי זאת התכלית עליו נאמר (ישעיהו ס"ד): "עין לא ראתה וכו'". **אבל הצדיקים באמת, גם הם יכולים לתפוס במחשבתם תכלית עולם הבא**".

**יב.** ישעיה ס"ד, ג'

**יג.** זוה"ק נשא קלב:

**יד.** כלומר עיקר מעלתו וגדולתו של משרע"ה יותר מכל אדם היה בענין מדריגת 'נבואה' (כמבואר בספרים); וענינו של רשב"י היה 'אמונה', שכל ההשגות שהשיג היה ע"י גודל מדריגתו באמונה. נמצא שרשב"י לא השיג 'בנבואה' מה שהשיג משרע"ה 'בנבואה', אבל השיג ע"י מדריגת 'האמונה' שלו יותר ממה שהשיג משה רבינו ע"י 'נבואה'. (וכמובן שמשה רבינו ע"י מדריגת האמונה שלו היה משיג עוד יותר)

משיג געווען מיט זיין בחינה - מיט נבואה, רופט זיך עס "לא ידע"; ווייל נאר מיט מיין בחינה (פון אמונה) איז עס "ידע", פארוואס? ווייל ס'איז געווען אן אנדערע סארט בחינה.

דאס איז זייער א גוטער תירוץ. פשט איז, פון דער אנדערער זייט קען ער זיין מיט 'זיין' בחינה גרעסער, ווי משה רבינו אין 'זיין' בחינה; אבער משה רבינו האט דאך געהאט רבי שמעון'ס בחינה אויך.

"**עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ**" - זאגט רש"י: "בנביאים". - דורך נבואה נישט; אבער (דורך) נבואה מיט 'אמונה' איז ער יא צוגעקומען.

## פארגעסן די 'תכסיסי מלחמה'

דער ווארט וואס דער רבי זאגט, ליגט דאך אין "סיפורי מעשיות"[טו] - אלעס ממש; אז מרוב וואס זיי האבן זיך פארטאהן אין חכמה, האבן זיי פארגעסן 'תכסיסי קְרָב'; ווייל עס גייט נישט (צוזאמען). פשוט

**טו.** מעשה י"ג - מהשבעה בעטליר'ס, בתחילתו, והרי לפניך מש"ש, בא"ד: אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶועןן אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִיהם גִיקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גִיבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה. וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיוָואלְט הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה. אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען חָכְמָה. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גִיוֶוען אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גִיוָואלְט חְשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד. **אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה** (כְּלוֹמֶר וִוי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת. בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גִיוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גִיוֶוען זֵייעֶר וִוילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. **וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרַיין גִיפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. אוּן הָאבְּן דֶעם בֶּן מֶלֶ□ אוֹי□ אַרַיין גִיצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין**", עיי"ש המשך הסיפור.

גייט עס - חכמה מיט תכסיסי קרב; אבער דאס איז צוויי באזונדערע זאכן.

און דאס גייט אויף דער ענין פון חכמה דקדושה אויך; עס איז דא אמאל א מענטש וואס ער גייט אין חכמה דקדושה **און ער פארגעסט אז ער דארף זיך "פשוט" שלאגן מיטן יצר הרע, ער פארגעסט דברים פשוטים! מען דארף קיינמאל נישט פארגעסן קיין 'דברים פשוטים'! קיינמאל נישט פארגעסן דברים פשוטים!**

רבי נתן ברענגט אראפ אין לקוטי הלכות[טז], אז דאס איז געווען דער טעות פון אלע - פון קרח'ן, פון ירבעם בן נבט - מיט די אלע - זיי זענען פארגאנגען אין חכמה ביז האבן זיי אפגעלאזט דעם פשטות. אזוי ווי קרח האט געזאגט: "**בית מלא ספרים חייב במזוזה?**" - איך האב דאך ממילא השגות!; ממילא א פשוט'ער איד זאל האבן א מזוזה אז ער זאל געדענקען - אבער איך טראכט דאך - א גאנצן טאג בין איך דאך דבוק אינעם אויבערשטן - וואס דארף איך א מזוזה?! - אט דא! דא! דא איז מען אוועק פון תורת משה, פון די תמימות!

רבי נתן ברענגט אראפ - אדרבה! דיין מזוזה איז גאר הויך, גאר הויך!; (אבער זיי האבן) אפגעלאזט דעם תמימות.

עס איז ממש - מען קען עס היינט זאגן - עס איז דא אסאך (מעשיות מספה"ק סיפורי מעשיות) וואס דעם רבי'נס גאנצע מעשה גייט (ארויף) אויף אמונה; (צום ביישפיל:) 'די' מעשה - אז די תכסיסי קרב איז פשוט 'שמירת הברית', 'אמונה', 'פשטות'!

(אזוי אויך) ביי די מעשה פון דעם 'חיגר'[יז] – די גאנצע עיגול וואס ער האט געמאכט (איז געווען) כדי מען זאל בלייבן ביי די אמונה! די

---

**טז.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות שילוח הקן ה"ד.

**יז.** שם בספה"ק 'סיפורי מעשיות' - מעשה ג', מהחיגר, וזל"ש, בא"ד: "אַמָאל אִיז גְיֶוועֶן אַ חָכָם. אוּן דֶער קֵיסָר פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גְיֶוועֶן אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֵס אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. אִיז גִיגַאנְגֶען

גאנצע מעשה מיט די שדים (איז געווען) כדי מען זאל בלייבן ביי די אמונה!

## דער אלטער אלטער גאט!

די אלטע פשוט'ע אמונה, דאס דארף מען נישט פארגעסן. דער רבי האט אמאל משבח געווען א בדחן וואס האט בדחנות געזאגט און (בתוך דבריו) האט ער געזאגט: **"דער אלטער אלטער אלטער גאט!"**[יח] - דער רבי האט עס משבח געווען! דער רבי האט אזוי ליב געהאט **די אלטע פשוטע אמונה! די אלטע פשוטע אמונה!**

טאקע, ווייסט מען ביי וואס מיינט מען, ביי אונזערע לייט אליין, ס'זייער גוט אז מען רעדט אזעלכע עבודות, און אזעלכע עבודות, מיט אהער מיט אהין - אמאל האט מען גערעדט פון אמונה, מען האט גערעדט פון אמונה, מען האט גערעדט פון אמונה!

---

דֶער חָכָם אוּן הָאט גִירוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זַיינֶע. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר זֶעט דוּךְ. אַז דֶער קֵיסָר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גִימַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גִימַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים. בְּכֵן לָאמִיר זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אִין דֶער מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא. זֶענֶען זֵיי מְרוּצָה גִיוָוארִין דְרוֹיף", עיי"ש המשך הסיפור.

**יח.** עי' חיי מוהר"ן ת"ג: "פעם אחת סיפר מבדחן אחד שהיה בלעמבערג, שבתוך דברי בדיחתו בחרוזים וניגונים כדרך הבדחנים, ענה ואמר **"דער אלטער אלטער אלטער גאט"** [השם יתברך העתיק עתיק דעתיקין]. וחזר רביז"ל תיבת 'אלטער' כמה פעמים כמו הבדחן שהיה רגיל להזכיר תיבת אלטער כמה וכמה פעמים. וכן סיפר רביז"ל משמו, והזכיר גם כן תיבת אלטער כמה וכמה פעמים עד שסיים "אלטער גאט". וכוונת רביז"ל היתה מבוארת שרצה להכניס בנו אמונה בפשיטות שצריכין להאמין בהשם יתברך שהוא קדמון לכל הקדמונים, עתיק דעתיקין ואמונתו ירושה לנו מזקני זקנינו אבותינו הקדושים, והדברים מובנים קצת למי שזכה לשמעם מפיו הקדוש, וגם עכשיו יכולין להבין מהם קצת. והיה דרך רביז"ל לספר ענין זה של הבדחן כמה וכמה פעמים לפני כמה אנשים. ובכל פעם כשסיפר זאת היה חוזר תיבת אלטער כמה וכמה פעמים, והדברים עתיקים".

**רעד פון אמונה - פשוט! די אלטע פשוטע אמונה ממש! אַה!**

א ברסלב'ער חסיד האט געלעבט מיט אמונה, מיט די אלטע אמונה, מיט די פשוטע אמונה, מען רעדט דאך ממש נישט היינט פון דעם אפילו. דאס איז ממש אומעטום אזא סארט זאך - מען פארגייט... אזוי ווי מ'זאגט; מען לערנט שוין מהרש"א און מען האט פארגעסן די פשוטע שטיקל גמרא... - ממש אזוי! אזוי פארגייט דאס, אזוי איז דאס.

איך האב אמאל געהערט זאגן, אז דער טשעבינער רב (ז"ל) האט אמאל דן געווען, איך ווייס, אין עפעס אן הלכה צו עפעס א תשובה, און ער האט זיך געלייגט שלאפן. האט ער צוגערופן איינעם ער זאל אים איבערזאגן דעם מחבר פון עטליכע סעיפים פון די סוגיא, ווייל ממש ער איז פארפארן. ער האט געדארפט דעמאלט וויסן (פשוט) דער מחבר מיט דעם רמ"א - אז דער בית יוסף זאגט אזוי און ער זאגט אזוי. ער האט פארגעסן די פשוט'ע דינים - ממש אזוי, ער איז פארגאנגען צופיל אין פלפול. און איינער האט אים איבערגעזאגט דעם לשון, גארנישט מער. לאמיר געדענקן דעם מחבר, (און אז איך וועל) געדענקן דעם מחבר האב איך אלצדינג.

דאס איז א געוואלדיגער כלל, דאס איז זייער א געוואלדיגע זאך צו וויסן. איך געדענק אז איך פלעג אוועקגיין פון א שמועס פון אונזערע לייט מיט אן אנדערן מח - מיט א אידישער מח, ממש אזוי!

**מען דארף זיך נישט שעמען** (לדבר מאמונה)**, נאר רעדן כסדר - כסדר ביי די התחלה!**

אט האסטו א דוגמא, רבי נפתלי[יט] שרייבט אין א בריוו (עיין בסוף ספה"ק עלים לתרופה), מן הסתם איז עס געווען צו ר' ליפא'ן. ער איז

---

**יט.** ה"ה **הגה"צ נפתלי הערץ** בן ר' יהודה **וויינבערג זצ"ל**, נולד בשנת תק"מ, הוא ומוהרנ"ת זצ"ל נחשבים כשני תלמידיו המובהקים ביותר של רבינו ז"ל, ידידו בן גילו ובן עירו של מוהרנ"ת ונתקרב יחד עמו לרבינו ז"ל בחודש אלול שנת תקס"ב,

מקורב געווארן צוזאמען מיט אים צום רבי'ן, און ער (ר' ליפא) איז געווארן (שפעטער) מרוחק פון דעם רבי'ן בחייו; און ער (ר' נפתלי) האט געוואלט אז ער זאל אנהייבן צו פארן כאטש לאחר הסתלקותו אין אומאן אויף ראש השנה.

- איז ווי הויבט ער אָן? הייבט ער אן: "הלא יש לך אמונה"[כ] - דו געדענקסט נאך די געשמאקע אמונה וואס מיר האבן באקומען בשעת מיר זענען מקורב געווארן צום רבי'ן!

- רעדט מען דאך פון אמאליגע ערליכע אידן, 'מאמינים בני מאמינים'; אז ער איז געקומען צום רבי'ן - דאס האט אים דער רבי באנייט, דאס האט דער רבי אויפגעפרישט - די פשוטע אמונה!

## המתקת הדינים על-ידי האמונה הפשוטה

אט דאס דארפן מיר האלטן, בפרט היינט ווען די וועלט איז פארגאנגען מיט די אלע חכמות, מיט די אלע פאטענטן, מיט אלע (אנדערע קונצן) - אט דאס האט דער רבי געוואלט פון אונז!

רבי נתן זאגט דאך א מורא'דיגער זאך - 'מי לנו גדול' ווי רבי נתן וואס האט מקיים געווען דעם רבי'נס עצות 'יומם ולילה' 'מעלה

---

שיחות ותורות רבות מאוד של רבינו ז"ל מובאות על ידי מוהרנ"ת משמו של רבי נפתלי, המוזכר מאות פעמים בספריו בכתביו ותולדותיו של מוהרנ"ת, היה אחד משני העדים שיוחד רבינו ז"ל לענין אמירת תיקון הכללי, נסתלק י"ט לחודש מנחם אב שנת תר"כ לפ"ק, ומנוחתו כבוד באומן יצ"ו.

כ. וזל"ש בהמכתב: "**והנה פנימית לבבך ולבבי, אשר יודעים ומרגישים נקודת האמונה הקדושה, מושרשת בלבבנו מנעורינו** מהזכיה אשר זכינו בנעורינו להתקרב לאור האורות, צח הצחצחות, בחיר מבחירי צדיקיא, אדמו"ר הנחל נובע מקור חכמה, חכמה אמיתיית, המלובשת ומעוטפת באמונה אמיתיית דאמיתיית, **אשר נקודת האמונה הקדושה והישרה הזאת הוא מקור החכמה והאמונה זצוק"ל, משם זכינו שנשרש בנו נקודת האמונה האמיתיית להאמין** ו"להגיד כי ישר ה' צורי ולא עוולתה בו", ומכל מה שעובר על האדם, נתקרב ביותר אליו יתברך בשירות ותשבחות והודאות, הנאמרים ע"י נעים זמירות ישראל הוא ספר תהלים הקדוש וכו'. ומה אוסיף לדבר בזה, אשר לבבך יודע כל זה היטב היטב".

מעלה' שטענדיג - און ער האט געזאגט: 'וויפיל ער האט זיך נאר משתדל געווען צו מקיים זיין דעם רבינ'ס עצות - **צו ער האט מקיים געווען דעם תמימות ופשיטות וואס דער רבי האט געוואלט, דאס ווייס איך נישט!**'[כא]

אזא תמימות! תמימות! אמונה! אזא תמימות! אמונה מיט א תמימות! מיט א תמימות! טוהן מצוות מיט א תמימות אָן חכמות לגמרי, ממש שפירן דעם אויבערשטן! נישט טוהן וואס מען טאר נישט, און טוהן נאר וואס מען דארף, בפשטות בפשטות![כב]

דאס איז א געוואלדיגער זאך, עס איז א געוואלדיגער זאך וואס מען דארף דאס געדענקן די זאך - בפרט היינט - איך האב געקלערט ממש עס גייט דאך איבער אזויפיל **- אזויפיל וואס גייט איבער אויף מענטשן היינט, ממש נישט צום פארשטיין, נישט צום פארשטיין וואס גייט איבער אויף א מענטשן; יעדער איינער מיינט אז 'זיין' יסורי איוב האט קיינער נישט אויף דער וועלט...**

איינער האט מיר פארציילט א מעשה פון א אינגערמאן, [איך האב גראדע נישט גערעדט מיט דער אינגערמאן] – האט ער געזאגט: "ער

---

**כא.** עי' בספר שיח שרפי קודש (ברסלב) ח"ב, אות תקס"ג: ביום הסתלקותו היה מוהרנ"ת מתאנח מאד; אחר כך אמר לאנ"ש: "**וואס מיינט איר קרעכטץ איך, ווייל איך האב ממעט געווען אין תורה ותפילה? ניין! וויפיל איך האב געקענט - האב איך געהיט די צייט; נאר ווער ווייסט צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן?!**".

**כב.** עיין בספר כדת נפש משיבת (מאמר התקן עצמך בפרוזדור) וז"ל: וכפי שכבר נשמע מפי רביז"ל שהעיר על עצמו, שכבר בהיותו צעיר לימים זכה להשיג שהדרך להגיע אל החכמה העליונה וליהנות מזיו השכינה, **הוא רק תמימות ואמונה** כי זה השער לה'.

עוד שם (מאמר אשרי תמימי דרך) וז"ל: וזה סוד התמימות האמיתית, תמימות הנובעת מחכמה עמוקה המחייבת את דרך התמימות הישרה, וכמו שמובא בשם הרה"ק מרופשיץ זי"ע, שהיה מפורסם בחכמתו, **ואמר שעיקר עבודת האדם הוא שיהיה תמים.**

ווייסט נישט צו פון זינט אדם הראשון איז באשאפן געווארן איז געוועזן א מענטש וואס האט געהאט אזעלכע צרות ווי ער". און אזוי דאכט זיך יעדן איינעם, יעדן איינעם, יעדן איינעם - עס איז א שרעק, עס איז א שרעק אין דער וועלט!

בכללות און בפרטיות דארף מען האבן אזויפיל ישועות, אזויפיל ישועות, בפרט בימי השובבי"ם, מען דארף ממתיק זיין די דינים; און דער עיקר וואס איז ממתיק דינים, איז אמונה; אמונה איז ממתיק דינים, אמונה איז ממתיק דינים, **אמונה פשוטה איז ממתיק דינים! - אמונה פשוטה ממש!** 'אמונה פשוטה' איז ממתיק דינים, 'שמירת הברית' איז ממתיק דינים!; אז מען דארף אמאל המתקת הדינים, מען דארף המתקת הדין - אט דאס איז ממתיק דינים - ממתיק דינים ממש[כג].

## די געשמאקע אמונה!

און מען דארף וויסן (אז מען דארף אַן המתקה). עס איז דא עפעס א ווארט פון חסידישע ספרים: אז עס איז דא א מענטש וואס ער פאלט אריין אין אפיקורסות, צו וואס, זאל ער וויסן אז ער לעבט הערשט (- יעצט) נישט בזכות עצמו לגמרי, ער האט נישט קיין זכות צו לעבן; אז ער איז נישט קיין מאמין, האט ער נישט קיין זכות צו לעבן; נאר ער לעבט בזכות "**אם לא בריתי יומם ולילה**", אדער אויף עפעס אן אנדערן'ס אמונה - נישט אויף זיין אמונה, ער האט נישט קיין זכות צו לעבן.

---

**כג.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קפ"ז) וז"ל: אינך יכול לתאר לעצמך כמה תיקוני הנפש והישועות נפלאות את ממשיך לעצמך במה שאתה ממליך עליך את בוראך בזה שתאמין כי השי"ת הוא "א-ל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא" (דברים ל"ב, ד'). ורבינו אומר בספר המידות (המתקת דין-ב', ח') **"מי שבועט ביסורין, כאילו אמר לא-ל, סור ממני"**, ומזה מובן ההיפך – שעל ידי קבלת היסורים מקבלים עול מלכות שמים שלמה, ועל ידי זה מסירין כל המסכים המבדילים, ומעוררים הרחמים, וממשיכין כל מיני שפע.

דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, און ער איז זי 'מחיה ומהוה' 'בכל עת ורגע'; אויב האט מען נישט קיין אמונה, האט מען נישט קיין זכות צו לעבן, מען האט נישט קיין זכות צו לעבן, מ'איז ממש אפגעריסן פונעם אויבערשטן!

"אמונה" איז מקשר 'דער' וועלט מיטן בורא עולם! - און דאס איז נאר די תמימות'דיגע אמונה און די געשמאקע אמונה; ממש - דעמאלט דאוונט זיך אנדערש, עס לערנט זיך אנדערש. **אדרבה, עס דארף זיין א 'נועם' אין די אמונה, א געשמאק אין די אמונה - אין די אלטע אמונה, אין די פשוטע אמונה!**

## הוחילי לאלקים

דער תולדות ברענגט אראפ מפורש פון בעל שם[כד]: אז א מענטש האט נישט קיין צרות, סיידן (- חוץ) אז דער אויבערשטער נעמט אים צו דעם בטחון, אז נישט איז נישט שולט אויף אים קיין צרות.

**מען זעהט אין די חז"ל'ן אז דער אויבערשטער האט אזוי ליב בטחון! -** די גמרא זאגט, אז א מענטש האט בטחון - איז ווי שטייט דאס לשון? "תולה עצמו בהקב"ה"[כה], העלפט אים דער אויבערשטער אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט; דווקא אויף יענער וועלט - ווייל דאס איז א גוטע עבודה, א גוטע עבודה.

עס איז מיר היינט בייגעפאלן דאס לשון: "**מה תשתוחחי נפשי**" - וואס פייניגסטו זיך פונקט מיט עצבות און דו טראכסט עצות - איך וייס נישט וואס?! אסאך זענען אזוי בעצבות אז ער איז שוין אזוי

---

כד. עי' בספה"ק 'תולדות יעקב יוסף' משפטים, אות א': "**שמעתי ממורי כשרוצין ליפרע העונש למי שהוא ראוי לעונש אזי נוטלין ממנו מדריגת הבטחון, ע"כ ראוי להתפלל לפניו יתברך שיתחזק בבטחון בו וכו' ודפח"ח**".

כה. עי' גמ' מנחות כט:, "**מאי דכתיב "בטחו בה' עדי עד כי בי-ה ה' צור עולמים"? אמר ליה, כל התולה בטחונו בהקב"ה הרי לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא!**".

איינגעבויגן... [כו] "**ומה תהמי עלי**" - דו ברומסט מיר א גאנצן טאג - און מען פייניגט זיך אליין; **דו האסט דאך א פשוטע עצה - "הוחילי לאלקים"! הוחילי לאלקים! דו האסט א גאט!** בפשטות העלפט ער מיר אויפן פלאץ - דאס איז דאס! און דער אויבערשטער האט עס אזוי ליב, און דאס איז דער גרעסטער שכר אויף יענער וועלט!

און נישט קיין וואונדער - 'אפילו רשע הבוטח בה' חסד יסובבנו'[כז] - אז ער גלייבט אז דער אויבערשטער קען אים העלפן, איז אפילו ער איז נישט ווערד - פאר די אמונה איז ער ווערד די ישועה!

## "ומפניך אסתר"

דער אור החיים הקדוש זאגט[כח]: אז "לכן כל הורג קין שבעתים יוקם" - וואס איז דער "לכן"? אויף וואס באציהט זיך דער 'לכן'? 'לכן' איז עפעס געוועהן פריערט און עס באציהט זיך אויף דער פריערדיגער זאך; וואס איז געוועהן פריער א זאך וואס עס קומט אים, וואס ווי מען זאגט, אויב אזוי וועל איך דיר העלפן?!

זאגט ער, פשוט: מיט דעם וואס ער האט געזאגט: רבוש"ע "**וּמִפָּנֶיךָ אֶסָּתֵר** (וכו') **וְהָיָה כָל מֹצְאִי יַהַרְגֵנִי**" - אויב דו וועסט מיר נישט אכטונג

---

**כו.** עי' תהלים מ"ב, פסוק ו', ובמצודת דוד דשם: "**מה תשתוחחי**" - כאילו מנחם נפשו ואומר לה' - אתה נפשי, למה תלך שחוח? ולמה תהמי בקול יללה? קוה לה' - כי עוד יבא עת שאודה לו על הישועה הבאה לי מעמו.

**כז.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב ר"ד) וז"ל: וכל אחד שהוא, ואפילו רשע גמור ח"ו, אם מתאחז באמונת השי"ת, עוזרו גם ברוחניות וגם בגשמיות. **ויש מדרש (עיין איכ"ר פ"ד, כ"ג) על הפסוק "רבים מכאובים לרשע, והבוטח בה' חסד יסובבנו" (תהלים לב, י) – אפילו רשע הבוטח בה' – חסד יסובבנו.** וכן מובא מהבעש"ט (כתר שם טוב סימן ס"ו, ובבן פורת יוסף קי"א ע"ב) על הפסוק "אלופינו מסובלים" (תהלים קמד, יד) – כשיודעים שהכל הוא מ'אלופנו' – מאלופו של עולם, היינו מהשי"ת אלקים א-ל עולם, אזי 'מסובלים' – אפשר לסבול הכל, ולבסוף אכן רואים כי הכל נהפך לטובה ולברכה, בלי שום ספק.

**כח.** בראשית ד' ט"ו.

געבן, זאלסטו וויסן בין איך ערלעדיגט! - **דו האסט אמונה? ביסטו שוין ווערד די ישועה!**[כט]

- אזוי זאגט דער אור החיים הקדוש - 'ביסטו שוין ווערד די ישועה!' - ער האט ממשיך געווען א השגחה אז 'לכן' (וכו'). דער אויבערשטער האט געזאגט וואספארא כעס ער וועט געבן ("ארור אתה מן האדמה" "נע ונד תהיה בארץ") - און שוין שטייט אין די תורה - איר זאלט וויסן ברואים - איר זאלט ציטערן פאר אים; עס איז געפאלן א פחד אויף די ברואים[ל].

פשטות! פשטות אמונה! פשטות אמונה! - און אמונה איז אלעמאל!

## אמונה הוא הדביקות!

דער בעל שם הקדוש זאגט: **"אמונה הוא הדביקות"**[לא] - אמונה אליין איז דער דביקות אינעם אויבערשטן! אין עוד מלבדך! אין עוד מלבדך! אין עוד מלבדך!

אין דאס דארף מען איינקויפן ביי די שמונה עשרה און ביים דאווענען און ביי אשרי און ביי ברכת המזון - דא דארף מען עס איינקויפן! איינקויפן מיטן דיבור!

---

**כט.** וזל"ש: "'לכן כל הורג' - טעם 'לכן', **להיות שהכיר וידע שאם ה' לא ישמרנו כל מוצאו יהרגהו - בשביל מצוה זו ריחם ה' עליו ואמר 'כל הורג'** וגו'".

**ל.** עיי"ש בפרש"י.

**לא.** עי' בספה"ק תולדות יעקב יוסף - פרשת עקב, אות א': **"האמנה בו יתברך הוא הדביקה, והוא תכלית השלימות**, וכמ"ש המפרש להרמב"ם (בפ"ב מהל' יסוה"ת), שלא ניתנו כל המצות, אלא כדי שנגיע בהם לזו המדריגה ובחרת בחיים למען תחיה לאהבה את ה' וכו' עכ"ל. **והאמנה הוא סיבה לבטחון, שיבטח בהש"י בכל מאורעותיו ויאהב להש"י לעבדו"** (מובא שם בספרו כמה פעמים בשם מו"ר הבעש"ט זצ"ל).

ממש - דאס איז "**וְלֹא רְחֹקָה הִוא, בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ**"[לב] - דאס איז עס! "לא בשמים הוא ולא רחוקה הוא, כי אם בפיך ובלבבך לעשותו"!

**מען פארגעסט! מען זוכט עצות מיט תיקונים מיט זאכן מיט סגולות - נאר אמונה, אמונה - דאס איז דאס! דאס איז דאס!**

דער בעל שם הקדוש האט אויפגעלעבט - ממש ער האט אויפגעלעבט די אמונה אויף דער וועלט. דאס איז געווען איינע פון די אויפטואונגען פון דעם בעל שם - אז ער האט אויפגעוועקט די אמונה אויף דער וועלט, ער האט געהויבן די אמונה![לג]

עס איז געווען אמאל ביים בעל שם, עס האבן אים באגלייט, דאכט זיך, צוויי גרויסע מענטשן, און עס איז געשטאנען עפעס א וואגן מיט עטליכע שטאק שטרוי. האט ער זיי געפרעגט צו זיי גלייבן באמונה שלימה אז 'דער' שטרוי ליגט אזוי, און דער אזוי, און 'דער' אויף דעם און דער אויף דעם, און אז דאס איז אלעס בהשגחה פרטית - ואין עוד מלבדו?! בהשגחה פרטית דארף ליגן 'דער' אזוי, און 'דער' אזוי! ער האט עס געזאגט מיט אזא מין בהירות אז זיי האבן זיך דערשראקן אזוי... [לד]

---

**לב.** דברים ל.

**לג.** עי' בספה"ק דגל מחנה אפרים - פרשת עקב ד"ה והיה: "**כלל גדול לעבודת הבורא ברוך הוא - העיקר הוא האמונה! ועל זה היה מזהיר אדוני אבי זקיני זללה"ה, וזהו שורש לכל התורה והעבודה**".

**לד.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קפ"ז) וז"ל: ובאמת עיקר שלימות האמונה היא בהשגחה פרטית, במובא בלקוטי הלכות שזהו ההבדל בין אמונת ישראל לאמונה של אומות העולם, שגם בהם יש שמאמינים בהשי"ת, אלא שהאמונה שלהם היא כמו ידיעה כללית, כמו שיודעים שיש חמה ולבנה וגלגלים, כך יודעים גם כן שיש בורא לעולם, אמנם שהלב ירגיש שכל ההנהגה בכלל ובפרט ובפרטי פרטיות הכל מאתו יתברך בלבד עד אין סוף ואין תכלית באופן נפלא ונחמד ונעים מאוד – **זהו עיקר אמונת ישראל ומצוות אמונה האחדות**.

און דער קאָמאַרנער זאגט[לה]: אז עס פלעגן לויפן די 'סוסים', די צהלות הסוסים מיט די דפיקות - עס קלאפט און עס זעצט, און אים האט געשיינט אז יעדער קלאפ פון יעדער סוס, איז בהשגחה פרטית, ער האט זיך נישט געדארפט אנשטרענגען – עס האט אים געשיינט!; אז ער האט אנגעהויבן צו הערן די דפיקות, האט ער אנגעהויבן צו הערן עתידות!. די גאנצע וועלט רעדט עתידות - אלעס אלעס, עס איז דא פנימיות, פנימיות; אז ער האט אנגעהויבן צו הערן די פנימיות, האט ער באקומען רוח הקודש - פון די אמונה אליין![לו]

**מיט אמונה קען מען צוקומען צו די גרעסטע מדריגות, צו די גרעסטע מדריגות! אביסל ביטול, אביסל ביטול! ביטול, ביטול, ביטול!**

---

**לה.** עי' "לקט אמרי פנינים" (קאמארנא) אות כ"ה: "לפעמים שומע מקול גוי בשוק - מה שצריך לו לתיקון נפשו לשעתו; **אפילו מהכאות פרסות רגלי סוסים ומכל שכן רגלי אדם יבין אדם עתידות**".

**לו.** בספר אוסף אמרים (אמונה ותפילה, מאמר י"ב) מוסיף על סיפור זה, וז"ל: ובאמת שכן, שהרי צעדי הסוסים הם מהשי"ת - וכי יש לסוסים כח ללכת מעצמם או להכות בעצמם - והכל הוא מהשי"ת, וממילא שמע עתידות גם מקול מצהלות הסוסים בפרסותיהם.

ומבאר רבינו שם בתורה הראשונה, שאע"פ שע"י מה שמסתכל בשכל שבכל דבר אפשר להאיר הרבה הארות, עכ"ז אין מתחילים עם השכל, עם בחינת 'החכמה', לפי ששכל האדם מעורב טוב ורע, עם להט החרב המתהפכת המעורבת בטוב ורע, לכן יש להתחיל העבודה עם בחינת 'מלכות', ואת בחינת מלכות כאן מבאר מוהרנ"ת בליקוטי הלכות, שזהו האמונה והתמימות.

**ובקיצור: רק על ידי אמונה אפשר לראות את האור הגדול של חכמת השי"ת המאיר בכל דבר.**

**'אמונה פשוטה' - דאס זענען געווען די אבות!**

רבי אפרימ'ל[לז] זאגט: דער שורש אמונה איז דאך 'אברהם יצחק יעקב' - דאס איז דאך דער שורש אמונה. זאגט ער א שיינע זאך: אז מען מאכט א חשבון וויפיל אברהם האט געלעבט (175), און וויפיל יצחק האט געלעבט (180), און וויפיל יעקב האט געלעבט (147), איז דאס בגימטריא, **"אמונה פשוטה"!** (= 502).

'אמונה פשוטה' - דאס זענען געווען די אבות! דאס זענען געווען די אבות – אמונה פשוטה, מיט אזא מין הויכקייט!

די אמונה איז אזוי ווי נבואה, און אמאל קען זיין די אמונה העכער ווי נבואה - עס האט נישט קיין גבול! עס האט נישט קיין גבול, עס האט קיין גבול נישט![לח]

- און דא ווערט מען גארנישט אן! עס מוז אלעס אויסגיין לטובה - אלעס ממש - ברוחניות ובגשמיות, בפשטות - אלעס! און דעמאלט איז אן אנדערער דאווענען, אן אנדער לערנען, אן אנדערער זאך ממש. מען דארף רעדן פון דעם, פשוט רעדן פון אמונה!

---

**לז.** ה"ה **הגה"צ ר' אפרים צבי** בן הגאון מר' אלתר בן ציון **קראקאווסקי זצ"ל**, הנקרא בלשון חיבה ר' אפרימ'ל, נולד שנת תר"מ בפשעדבארז' שבפולין, בנש"ק דור חמישי מהגר"ד מ'לעלוב זצ"ל, ונתקרב לרבינו על ידי ר' נחום שוסטער ז"ל, עלה לארץ ישראל בערך בשנת תרצ"ה, וז"ל מורינו הגרי"מ שליט"א (אוסף מכתבים חלק ב' מכתב ע"ח) שהרה"צ רבי אפרימ'ל זצ"ל בעל ספר המכתבים הנקרא 'עונג שבת', שכידוע היה מאנ"ש, "גאון עולם ועניו וצדיק", עכ"ל, ועיין בספר מעינים בנחלים (מכתב ט"ו) כמה סיפורים מורתקים ששמע הגר"מ קרעמער שליט"א ממורינו הגרי"מ שליט"א אודותיו, לאחר הסתלקותו נקבצו קצת ממכתביו מלא גאונות ולומדות בספר 'עונג שבת', ולאחרונה נדפסו עוד מחידושיו על סדר הפרשיות בספר הנפלא 'שערי אפרים', נסתלק ט"ז טבת שנת תש"ו, ומנוחתו כבוד בהר הזיתים.

**לח.** עי' בספה"ק "שפת אמת" שמות - פר' פקודי, שנת [תרמ"ג]: "להודיע כי בני ישראל בחושך **ע"י האמונה יכולין לכוון דעת אביהם שבשמים יותר מכל הנביאים** והמה רואין למעלה כי בני ישראל עושין בתומם רצונו יתברך".

דער רבי אליין האט דאך געזאגט[לט]: אז ס'גייט אן אפקורסות אויף דער וועלט, און ער האט געזאגט אז קינדער וועלן רעדן כפירה[מ], חס ושלום! **עס איז זייער ביטער וואס עס טוט זיך היינט, וואס קינדער האבן, וואס גייען היינט איבער ביי קינדער אין מח, אָה האַ!**

## "מלך עוזר ומושיע ומגן"

עס איז מיר היינט איינגעפאלן, ער ברענגט עס אראפ, דאכט זיך, דארטן אין בני יששכר[מא]. ער זאגט: מען זאגט: "מלך עוזר ומושיע" (תפילת שמו"ע). וואס איז 'עוזר', און וואס איז 'מושיע'? "עוזר" איז, אז דער אויבערשטער העלפט על-פי דרך הטבע; איך טוה - און דער אויבערשטער העלפט מיר - אט דאס רופט זיך "עוזר". "מושיע" איז, דער אויבערשטער העלפט למעלה מדרך הטבע - דאס איז מושיע; דערפאר זאגט מען פריער 'עוזר', און נאכדעם 'מושיע'.

ביי 'מודים' זאגט מען "ישועתינו ועזרתנו סלה" אויף צוריק. פארוואס? זאגט ער, אז עס גייט אויף צוריק, ווייל די ערשטע דריי ברכות איז דאך 'כנכנס לפני המלך', און די אנדערע איז דאך 'כהיוצא מלפני המלך'; דערפאר זאגט מען ביי מודים "ישועתנו ועזרתנו סלה". ["ישועתנו" האסטו געזאגט ביי "מושיע", יעצט גייט מען אויף צוריק - "עזרתינו". אומעטום איז דער אויבערשטער!; דא איז מלובש אזא סארט פעולה, און דא אן אנדערער סארט פעולה; על כל פנים מען גייט אויף צוריק].

---

**לט.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן שיחה ל"ה, וזל"ש: "ואמר: **שהולך אפיקורסות גדול על העולם. וכן סיפר כמה פעמים שהולך ונמשך אפיקורסות גדול בעוונותינו הרבים בעולם. אשרי מי שיחזיק עצמו באמונה באלו העיתים!**, עייעו"ש.

**מ.** עיי"ש שיחה ל"ב: "אף על פי שנדמה לנו שההמון עם הם רחוקים מחקירות ואינם מחקרים כלל, אף על פי כן, באמת כולם הם מעורבים בחקירות. כי כל אחד ואחד יש לו חקירות **ואפילו קטנים באים על מחשבתם חקירות ובלבולים**".

**מא.** עי' ספה"ק בני יששכר מאמר א' לחודש אלול.

האבּ איך געקלערט: אויבּ עס גייט א סדר, "עוזר ומושיע", איז וואס איז דער "מגן"?! (סתם אזוי) קומט אויס אז 'מגן' איז קלענער פון 'עוזר ומושיע'. "מגן" (איז דער טייטש:) 'ער באשיצט ס'זאל נישט זיין קיין צרה'. נאר "מגן" איז טאקע דער פשט, אז (אפילו) עס איז שוין נגזר געווארן אויף א מענטש א גזירה ח"ו, אדער דער מזל איז אים מחייב, זאגט דער אויבערשטער: ניין, הער דיך איין, איך לאז נישט! מגן!

**זיך נישט שרעקן פאר קיינעם!**

מען זאגט: 'א-ל עליון'[מב], דאס איז דאך א מורא'דיגער זאך: 'עליון' - ער איז איבער אלעס, איבער אלעס, איבער אלעס! **מען שרעקט זיך פאר דעם; מען שרעקט זיך פאר דעם; מען שרעקט זיך פאר דעם; עליון – דו ביסט 'עליון'! איבער אלעס!** "ה' לי לא אירא מה יעשה לי אדם"[מג], איינער האט עפעס א דעה אויף דיר? "עליון"!

דו דארפסט ווערן, (דאן) פאלן אראפּ אלע שונאים, אלעס גייט אראפּ! און ממש דעמאלט **"עיקר השתדלותו בתר קודשא בריך הוא"**[מד], ממש אזוי.

און אפילו מען טוט, טוט מען מיט א אנדער חיות! - מיט אמונה; על פי הלכה; דער אויבערשטער הייסט; וואס מען טאר נישט, טאר מען נישט.

---

**מב.** בשמו"ע בברכה ראשונה - ברכת 'אבות'.

**מג.** תהלים קיח, ו.

**מד.** עי' ספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" סי' י"ד: "טוב ה' לכל" - זה בחינת תפילה, שמאמין בה', שהקדוש ברוך הוא טוב לכל - הן לרפואה, הן לפרנסה, הן לכל הדברים. **כשמאמין כך, בוודאי יהיה עיקר השתדלותו בתר קודשא בריך הוא, ולא ירדוף אחר תחבולות רבות!**".

דער אויבערשטער זאל העלפן מער! וויפיל מען קען טוהן - מען טוט דען עפעס?! מען קען דאך טוהן א זאך און מאכן טויזנט מאל ערגער... דער אויבערשטער זאל אפהיטן!

אמונה! מען דארף אנהייבן - אנהייבן אמונה! 'אמונה' איז דאך אזוי געשמאק - אמונה! ממש ס'גוט אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט, און מען זעהט אזוי!

## דער בעסטער אדוואקאט!

עס איז דא א לשון המדרש[מה]: אויב דו ווילסט א פרקליט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט 'לעולם ועד', זאלט איר האבן בטחון! אז דו דארפסט א פרקליט, ווי מ'זאגט 'דו ווילסט האבן א גוטן 'טוען רבני' פאר דיר - א גוטן מליץ יושר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט'? גיב איך דיר אן עצה - האָב בטחון!

און דאס לשון (במדרש שם) – א מורא'דיגער לשון: "**משמְתַּחתי את השמים והרקעתי את הארץ שמא זזו ממקומן? כך מי שהוא בוטח בי!!!**".

ווי שטייט ארויס דער לשון? "**עֶזְרִי מֵעִם ה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ!**"[מו] - אזוי ווי דער הימל און די ערד גיט זיך נישט קיין ריר, (אזוי) וועט זיך פון דעם בוטח נישט אפטוהן זיין ישועה צו אים! - אזוי שטארק! אזוי שטארק! ממש, פשוט - נוץ עס אויס, דו האסט עס לעבן דיר! "**מה תשתוחחו נפשי ומה תהמי עלי, הוחילי לאלקים" - רוף צום אויבערשטן!**

---

מה. ע' מדרש תהלים, קאפיטל קמ"ו, וזל"ש: "**רצונכם פרקליט שהוא עומד לעולם? בטחו בו בכל עת, ואתם עומדים!** שנאמר (תהלים קמו, ה) "אשרי שא-ל יעקב בעזרו" וגו'. אם אתם יודעים במי אתם בוטחים - במי שעשה שמים וארץ, **משמתחתי את השמים והרקעתי את הארץ - שמא זזו ממקומן? כך מי שהוא בוטח בי, אין שכרו פוסק לעולם!** לכך נאמר, (שם) אשרי שאל יעקב בעזרו וגו'. מה כתיב אחריו, עושה שמים וארץ וגו'.

מו. תהלים קכא, ב.

נאר תמימות, נאר תמימות, תמימות! אוועקווארפן אלע חכמות וואס איז פארפלעקט מיט די סטרא אחרא - נאר תמימות, ביטול - ביטול ממש. און דאס האט אונז דער רבי געלערנט, דער רבי האט עס אזוי ליב געהאט – אט די אמונה, הפלא ופלא, הפלא ופלא! ממש אזוי[מז].

דעמאלט איז דאך די תפילה אינגאנצן אנדערש. דער רבי זאגט דאך[מח]: אז **'תפילה מיט אמונה איז איין זאך!'**. די אמונה דארף (ביי אים) זיין אזוי שטארק אז ער זאל קיינמאל נישט זיין אָן תפילה. "רבונו-של-עולם". מען דארף רעדן צום אויבערשטן אזוי ווי מען שטייט לעבן אים בכל עת ורגע! ממש אזוי.

## רבונו-של-עולם, נעם מיר נישט צו דעם בטחון!

עס שטייט טאקע פון דעם בעל שם הקדוש, אז א מענטש זאל מתפלל זיין, אז דער אויבערשטער זאל נישט אפטוהן פון אים די אמונה און בטחון. דו זאלסט מתפלל זיין: **רבונו-של-עולם, נעם מיר נישט צו דעם בטחון! נעם מיר נישט צו דעם בטחון! רבונו-של-עולם, נעם מיר נישט צו דעם בטחון - האב איך דאך אלצדינג, נעם מיר נישט צו די אמונה מיט די בטחון!** - עס שטייט אין "תולדות" בפירוש אז מען זאל תמיד מתפלל זיין אויף דעם[מט].

---

**מז.** עי' "ליקוטי מוהר"ן" תניינא ק"ד: **"היה אוהב מאד את העבודות הפשוטות של סתם בני אדם, האנשים הפשוטים הכשרים, והיה אוהב מאד מי שיכול לומר הרבה תחינות ובקשות בתוך הסידורים הגדולים, כדרך ההמון עם הכשרים. ...כי עיקר היהדות הוא בפשיטות ובתמימות גמור, בלי שום חכמות, כמבואר אצלנו כבר כמה פעמים"**. גם עי' "שיחות הר"ן" שיחה ל"ג: "פעם אחת היה מדבר מאמונה, ענה ואמר: אצל העולם אמונה הוא דבר קטן **ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד! ועיקר האמונה היא** בלי שום חכמות וחקירות כלל. רק **בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים!"**.

**מח.** ליקוטי מוהר"ן, סי' ז'

**מט.** הובא לעיל הערה כ"ד.

## רבונו-של-עולם, ווארף מיר נישט אוועק!

איך האב שוין דערציילט אמאל - רבי אלי׳ ראטה ע״ה[נ] איז דאך געווען א מענטש וואס עס איז אויף אים איבערגעגאנגען זייער אסאך. האט ער מיר געזאגט, ׳עס איז מיר אמאל געווען אזוי ביטער, און איך האב געקלערט אז איך וועל מוזן אראפגיין ביים כותל זיך אויסצורעדן דאס הארץ פאר׳ן אויבערשטן׳. [עס איז נאך געווען פאר די מדינה, ער האט געלעבט נאך פאר דעם].

ער פלעגט קוקן אין דעם רבי׳נס ספרים׳לאך - און עס איז אים געלעגן אין קאפ דער זאך: **דאס אז אפילו מען קען נישט - זאג נאר איין ווארט!** זאג אפילו איין ווארט!

ער האט געשפירט אז ער קען נאר אראפגיין זאגן ביים כותל איין ווארט, איין ווארט. זאגט ער, ער איז געווען אזוי צוקלאפט אז ער האט ׳דעם ווארט׳ אויך נישט געהאט. האט ער געטראפן ר׳ אפרימל׳ען, דערציילט ער אים זיין מצב, און ער זאגט אים: ״איך בעט אייך איין זאך: זאגט מיר דעם ווארט״. האט ער אים געזאגט, ער זאל זאגן: **רבונו-של-עולם, ווארף מיר נישט אוועק!!!**[נא]

---

**נ.** ה״ה **הרה״צ ר׳ אלי ראטה זצ״ל** מחסידי קמאי ומצדיקי ירושלים, נולד בירושלים עיה״ק אדר שנת תרס״ה, והסתופף בצל כמה גדולים וצדיקים הקדושים, ובמיוחד שימש הגה״ק רבי שלמה מזועהיל זצ״ל, כל ימיו סבל מיסורי צדיקים וקבלם באהבה, ומורינו הגרי״מ שליט״א נתחבב מאוד על הצדיק ר׳ אלי׳, ומידי חודש בחדשו היה עולה אל מורינו שליט״א לביתו לשוחח ולהתחזק בתכלית, נסתלק בשיבה טובה אדר תשנ״ב.

**נא.** עיין הסיפור בכתבי מורינו הגרי״מ שליט״א (אוסף אמרים חלק ג׳ מכתב קס״ג) ושם מוסיף וז״ל: היוצא מדברינו; אני עתה במדריגה כזו שאני צריך לצעוק ״רבונו של עולם ווארף מיר נישט אוועק״!! וכו׳, **וכשמתוננים בהעצה הזאת רואים בה תמימות וחכמה**, וכמה תמימות יש במילים אלו, שאיש קדוש כרבי אפרים׳ל ידע מתפילה ובקשה זו (ווארף מיר נישט אוועק), ואחר כל יגיעתו בעבודת ה׳, ידע כי הוא עוד רחוק לגמרי. כי כשיעץ דבר זה לאחר מסתמא כבר ידע ממנו בעצמו העצה הזו, וכן החכמה לקלוע אל השערה – העצה היעוצה לאיש אשר נסתם לבו.

חלילה, אז מען פאלט אריין אין כפירה און אין אפיקורסות, איז פשט, אז מן השמים גיט מען דעם מענטשן א שטופ, און דאס איז אמאל אן עונש אז מען גיט אים א שטופ. ווי זאגט דער רבי[נב]: **"הפשע מכניס כפירה באדם"**. דער אויבערשטער גיט דעם שטופ, די כפירה קומט אויך פונעם אויבערשטן.

דאס איז דאך דער גאנצער "בא אל פרעה"[נג] - אז דער 'חלל הפנוי' האט דער אויבערשטער אויך באשאפן - אלץ האט ער באשאפן, דאס איז דאס.

## דברי וטרי עדי לקששותא

עס איז דא א ווארט פון דעם רבי'ן רבי מאיר פרעמישלאנער: א איד איז געקומען צו אים, און ער האט אים געזאגט אז ער האט בלבולי אמונה. האט ער אים געזאגט: 'עס שטייט אין אקדמות: **"דבָרי וטָרי עַדֵי לְקַשָׁשׁוּתָא"**; "דברי" – דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, **"וטרי" – און ער טראגט דער וועלט, "עדי לקששותא" – מיט די קשיות!'** - ער האט אלץ באשאפן. דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, דער אויבערשטער זאל העלפן.

## אפילו הגרוע שבגרועים

עס איז דא נאך א זאך וואס איך האב געקלערט טאקע: דער ענין פון חצות וואלט מען ווען געדארפט היינט זאגן אויף שמירת הברית זייט די טומאה איז אריין אין 'עולם ומלואה' - דאס וואלט מען

---

ומובא בספר "פאר לישרים" (אות פ') וזה לשונו הק': שצדיק אחד אמר לפני הבעש"ט ז"ל, אני טרחתי ויגעתי בעבודת השי"ת, ולבסוף לא השגתי שום דבר, כי אני הדיוט ופחות. והשיב: **"זה השגת, להיות בעיניך שפל ופחות"**, עכ"ל, כי הרע והקליפות שהם הם השקר, הם מרמים את האדם.

**נב.** ספר המידות ערך 'אמונה', אות כ"ב

**נג.** כוונתו למאמר "בא אל פרעה" בספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" סי' ס"ד, עיי"ש באריכות.

געדארפט, פשוט! און דאס וואס מען האט אינזינען אז מען איז מתפלל פאר אלעמען איז נישטא קיין קטרוגים אויף די תפילות - ווייל איך בעט פאר אנדערע, איך בעט פאר אנדערע. יענער איז דאך אויך נכלל, איז בעט פאר אנדערע.

אזוי, אז א מענטש בעט, קען ווערן א קטרוג; אבער 'ער' בעט דאך פאר אנדערע - איך בין דאך א אידעלע פונקט ווי אנדערע - **'בעט פאר אנדערע' - אלע אידן, אלע אידן! אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט: "אפילו הגרוע שבגרועים"** - אלע זאלן געהאלפן ווערן, אלע זאלן תשובה טוהן. אז אלע זאלן געהאלפן ווערן - בין איך דאך אויך נכלל. מיט דעם 'טוב עין' וואס מען בעט פאר אנדערע, נעמט דאס אראפ דעם קטרוג.

דערפאר, דאס איז דער סוד פון די גמרא[נד], אז מען זאל מתפלל זיין 'בתוך שאר חולי ישראל' - דאס איז דאך 'שאר חולי ישראל'; אז דו ווילסט אז אלע זאלן ווערן געזונט, איז דער 'טוב עין' אליין ממשיך אויף דיר אויך א רפואה. דאס אליין איז א געוואלדיגער כלל: "טוב עין הוא יבורך"[נה].

## ווייס דיינע כוחות!

איך האב געזעהן שטיין מפורש - איך האב געליינט א ספר פון חיזוק, עס איז יעצט ארויס עפעס א ספר עקסטער פון 'דיבורי חיזוק'. ער ברענגט אראפ, די ערשטע ווארט, געדענק איך - **"לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו" – 'מען זאל דערציילן דעם מענטשן זיינע כוחות!'**.

א מענטש האט גרויסע כוחות, דער מענטש איז גרויס! א יעדער איד קען האבן שרעקליכע (- מורא'דיגע) אמונה, יעדער איד, יעדער איד! יעדער איד איז גרויס, און מען דארף גלייבן אז מען איז גרויס;

**נד.** שבת יב:

**נה.** משלי כב, ט.

און אז דער אויבערשטער האט אונז געמאכט גרויס. מיר זאלן קענען (- וויסן) אז מיר האבן האבן גרויסע כוחות. ער ברענגט עס אראפ פון עפעס א צדיק - (אחד מהנוכחים: רבי ר' ברוך'ל!) מען זאגט עס נאך פון דעם רבי'ן ר' ברוך'ל[נו].

## "טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ"

זיי מתפלל אויף יענעם, דעמאלט קען מען דיר נישט דן זיין - ווייל דו ביסט דאך מתפלל אויף יענעם; און מען קען יענעם נישט דן זיין, ווייל אן אנדערער איז מתפלל פאר אים - עס ווערט א 'קל וחומר'. אז א מענטש איז 'מרחם', איז ער מעורר רחמים למעלה.

איך מיין אז דאס איז טאקע א וועג פון "**טוב עין הוא יבורך**" - ממש צו האבן א טוב עין אויף אלע אידן, אויף אלע אידן.

ווייטער; מען דארף דאך אז עס זאל נתעלה ווערן און 'נתגדל' ווערן 'שמיה רבה' - דארף עס דאך זיין פון אלע אידן; דארף מען זעהן אז אלע אידן זאלן דינען דעם אויבערשטן און אז פאר אלע זאלן זיין גוט 'ברוחניות ובגשמיות'.

## מטר בשביל יחיד

די גמרא זאגט[נז]: אז "**מטר בשביל יחיד**". עס איז דא אמאל שפע אין א מדינה ווייל 'איינער' איז זוכה; אז איינער איז זוכה 'למטר', רעגנט אומעטום.

[בדרך אגב; איך בין אן 'עד בדבר', און איך מיין אז דאס איז א זאך וואס מען קען זעהן; וואס מער מען האט אנגעהויבן צו היטן שמיטה, גייט מער רעגן! - אט דאס געדענק איך. פאר דעם איז

**נו.** מובא בספה"ק "בוצינא דנהורא" דף קכ"ט בדפוס החדש.

**נז.** תענית ט.

געווען 'איום ונורא', איינציגע האבן געהיט שמיטה, איינציגע ממש, איינציגע - אפילו ביי אונזערע אידן - איינציגע! - און אזוי איז געווארן מערער און מערער און מערער. היינט - אפילו די חוטאים היטן שמיטה, עס איז א פלא'דיגער זאך; און וואס מער מען היט שמיטה, רעגנט... "מטר בשביל יחיד!"].

קען זיין, איז א מאל רעכט, אז עס איז דא א שטאט וואס דארף מתמלא ווערן מיט קינדער, ווערט נפקד אפילו איינער וואס איז אזוי ווי די גמרא זאגט[נח]: "**וה' פקד את שרה**" – 'נפקדו כמה עקרות עִמה'. די צרי עין פארגינען נישט אז שרה האט אויך א קינד; דו האסט דאך עס געהאט נאר בזכותה - און דו האלסט זיך אן די שפע פאר דיר?!

ממילא, איז 'טוב עין הוא יבורך', אז מען פארגינט אלעמען איז מען ממשיך שפע פאר זיך אויך. פארקערט, 'מלמעלה' זעהט מען דאך אליין, אז ער פארגינט אן אנדערן 'אפילו לדעתו' איז ער אים נישט געטריי - ניין! יא, זאל יעדע איד האבן - איז דאס ממש "טוב עין (הוא יבורך").

## אויף וועמען זאלסטו רחמנות האבן?!

ערשט יעצט איז דער זמן - מען דארף אסאך רעדן דערפון, יעצט איז דער זמן פון שובבי"ם, עס דארף נמתק ווערן דינים פון כלל ישראל. ה' ירחם וואס מען הערט - וואס מען הערט אָן! **רבונו-של-עולם האב רחמנות! אויף וועמען זאלסטו רחמנות האבן – אויב נישט אויף אונז?! אויף וועמען – אויב נישט אויף אידן?!**

מיר זענען בנים לה' אלקינו, און מיר האבן א פולן טשעק - די תורה הקדושה - דאס וועט נישט ווערן בטל; מען קען חרוב מאכן די גאנצע זאך (און דאס וועט נישט ווערן בטל); מיר זענען בנים ווי מיר

**נח.** עיין בבבא קמא צ"ב., ובבראשית רבה פרשה נ"ג.

קוקן נאר אויס, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אויף ארץ ישראל: "מיט 'די' שטיינער מיט 'די' הייזער!"[נט] - **דאס איז עס, דאס איז דאס! 'אונזער בשר ודם'! 'מיר זענען כלל ישראל'!**

## ריח בוגדיו

איך האב זיי געזאגט טאקע ביי רבי נתן'ס יארצייט (עשרה בטבת); אז יצחק (אבינו) האט געזעהן "ריח בגדיו" - 'ריח בוגדיו'[ס], איז נישט פשט אז ער האט געזעהן ריח בוגדיו בשעת מען האט אים שוין (יוסף משותא) געזעגט די ביינער; בשעת מען האט אים געזעגט די ביינער איז ער שוין נישט געווען קיין בוגד, ער איז שוין געווען א צדיק יסוד עולם; נאר ווען ער איז שוין אריין - האט דער אויבערשטער געזעהן וואס אין אים קען ליגן! דאס איז א מורא'דיגער זאך.

## איך בין נישט קיין איד?!...

מען דערציילט אז עס איז געווען אמאל א פלאץ מיט שומרים אויף א געגנט. איז געווען א שול דארטן וואס מען פלעגט אריינרופן אלעמאל די שומרים. איז צווישן די שומרים געווען איינער וואס א

---

**נט.** עי' חיי מוהר"ן, אות ט"ו: "שאלתי אותו (רבי נתן מרבינו ז"ל): מה כוונתכם במה שאמרתם שארץ ישראל היא גדולה כל כך ושזה עיקר נצחון המלחמה? וגער בי וענה ואמר: כוונתי - ארץ ישראל הזאת בפשיטות עם אלו הבתים והדירות. ואמר בלשון אשכנז בזו הלשון: **"איך מיין טאקע דאס ארץ ישראל מיט דיא שטיבער מיט דיא הייזער"**.

**ס.** עי' ילקוט שמעוני בראשית כז: "דבר אחר, "וירח את ריח בגדיו" - ריח בוגדיו כגון יוסף משיתא וכו'. יוסף משיתא בשעה שביקשו שונאים ליכנס להר הבית אמרו יכנס מהם ובהם תחילה. אמרין ליה עול, ומה דאת מפיק - דידך הוא. נכנס והוציא מנורה של זהב. אמרו ליה, אין דרכו של הדיוט להשתמש בו אלא עול זמן תניינות ומה דאת מפיק - דידך הוא, ולא קיבל עליו. נתנו לו מכס שלש שנים, ולא קיבל עליו. אמר: **לא די שהכעסתי לאלקי פעם אחת - אכעיסנו פעם שניה?!** ומה עשו לו, נתנוהו בחמור של חרשים והיו מנסרים בו והיה צווח 'ווי דאכעסתי לבריי'".

גאנצן טאג האט ער גערעדט 'על ה' ועל משיחו' - א גאנצן טאג, א רוסישער, אן אפיקורס, א גאנצן טאג האט ער געשאסן פייער, א 'רחמנא לצלן'.

(פעם אחת חיפשו שם 'עשירי' למנין) - האט מען אים געפרעגט, צו ער אליין וויל אריינקומען פאר א מנין. האט איינער געזאגט: ווען דו זאלסט בעטן וועט זיין א מנין, ווען דו ווילסט בעטן וועט זיין א מנין - חוץ אים. ער האט אים געזאגט אין פנים - חוץ אים, ער וועט נישט אריינגיין, ער וויל נישט קיין אידשקייט. הערסט? ער האט אויפגעהערט צו רעדן, און ער האט אנגעהויבן אריינצוגיין. ער האט געזאגט - איך בין נישט קיין איד?!

**- הערסט וואס דא טוט זיך? הערסט וואס דא טוט זיך?! הערסט וואס דא טוט זיך?!** - האט ער אנגעהויבן אריינצוגיין און ער האט אויפגעהערט רעדן אויף אידישקייט; אלעמען וועט מען מצרף זיין אין מנין - און ער וועט נישט קענען אריינגיין?! האט ער אנגעהויבן אריינצוגיין, עס גייט אראפ די חלודה (ראָס"ט).

דאס איז דאס! און דאס האבן מיר מקבל געווען פון בארג סיני. אזוי ווייסן מיר נישט (דעם חילוק) - 'המבדיל בין קודש לחול בין ישראל לעמים', דאס קען נאר דער אויבערשטער אליין! ממש אזוי.

## א מאמין פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק...

מען דארף זיך באנייען און זיך טאקע איינקויפן אין תהלים. **תהלים איז דאך טאקע א דמות - א דמות פון א מאמין פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק! א דמות פון א מאמין פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק!**

די אלטע אמונה, די אלטע אמונה! אמונה באגלייט דאך אומעטום, **"כל מצותיך אמונה"**[סא], יעדער מידה טובה - אלעס איז אמונה. אמאל

---

**סא.** תהלים קיט, פו.

איז שייך צו זאגן (- האדם חושב לעצמו:) איך בין א בן עולם הבא? אבער 'יהיה מה שיהיה', ווי מען קוקט אויס - די אמונה נישט אוועקלייגן!

נו! מען דארף רעדן - מען דארף אסאך רעדן פון דעם! אָה - ווי רבי נתן וויינט אויס די אויגן אויף אמונה! - ממש געוואלדיג, וואספארא תפילות[סב]. זייער אינטערסאנט אפילו די טענות וואס דער רבי האט געהייסן מען זאל זיך אויסלערנען 'כבן המתחטא לפני אביו'[סג] - עס איז דאך אינו דומה - - !

רש"י זאגט אויפן פסוק: "**תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי אָדָם**"[סד] - אז ער (דוד המלך) זאגט: 'רבונו-של-עולם, אז דו שטראפסט אונז ווען מען האלט שוין ביים שטארבן, איז ווי קען מען תשובה טוהן? ער בלייבט צובראכן - ווי קען מען תשובה טוהן? וויאזוי קען מען תשובה טוהן?

אמאל איז מען אזוי צובראכן - אז מען קען אויך נישט תשובה טוהן - אט דאס איז א טענה, א טענה צום אויבערשטן. אוודאי איז

---

**סב.** עי' ספה"ק "ליקוטי תפילות" שנתחבר ע"י הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל - תקפ"ב. וזל"ש מה שכתב המחבר בתוך ההקדמה: "והנה מעלת אלו התפילות יבין כל משכיל החפץ באמת ובתמימות, **כי תפילות כאלו עדיין לא היו בעולם! והם מלאים כל טוב לבית ישראל תפילות תחינות ובקשות והפצרות וריצויים ופיוסים ווידוים וטענות ואמתלאות וצעקות ושוועות וזעקות גדולות לשם יתברך, לעורר רחמיו המרובים עלינו שיקרבנו לעבודתו יתברך חיש קל מהרה**".

**סג.** עי' ספר "שיחות הר"ן", אות ז', וז"ל: "**טוב מאד מי שיכול לשפוך שיחו לפני השם יתברך ברחמים ותחנונים כבן המתחטא לפני אביו.** כי הלא השם יתברך כבר קראנו בנים כמו שכתוב: "בנים אתם לה' אלקיכם" (דברים יד, א). על כן טוב מאד לפרש שיחתו וצערו לפניו יתברך כבן שקובל לפני אביו בתנועות של חן ורחמים שקורין (פיעשטשין). ואף אם נדמה להאדם שלפי מעשיו אינו כבן לפניו יתברך עם כל זה הלא השם יתברך קראנו בנים כנ"ל (כי בין כך ובין כך קרויים לך בנים) ואם עתה הוא מגרש אותי חס ושלום מבחינת בן, הטוב בעיניו יעשה. עלי לעשות את שלי לעשות עצמי כבן כנ"ל. גם עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה.

**סד.** תהלים צ, ג.

עס מתוך הסתרה, מען דארף וויסן אז דער אויבערשטער איז גערעכט, אבער עס איז א טענה, מען מעג האבן די טענה, מען מעג זיך דן זיין לכף זכות!

## ...ולא בעל יסורים

איך האב געזעהן טאקע אין רמב"ם[סה], רעדט ער וועגן דעם אז **"אין הקב"ה משרה שכינה אלא על חכם גיבור ועשיר"**[סו]. ער ברענגט אראפ - איינער פון די זייטיגע, פון 'אבות דרבי נתן' - פון די סארט ספרים - **"ולא על בעל יסורים"**, ווייל א בעל יסורים קען נישט דינען דעם אויבערשטן!; ווי קען ער זיין דבוק אינעם אויבערשטן? עס רייסט אים די מצבים אין מח! – "ולא בעל יסורים" - דער אויבערשטער איז משרה שכינתו - 'ולא על בעל יסורים'.

איינער וואס איז 'לבו פנוי' צו זיין דבוק תמיד אינעם אויבערשטן - נאר ער קען באקומען נבואה. א בעל יסורים קען נישט זיין תמיד דבוק אין דעם אויבערשטן, ער איז פארנומען נעבעך מיט זיינע ווייטאגן. ער ברענגט עס פון 'אבות דרבי נתן', צו פון 'הלכות דרך ארץ' - דער 'ולא בעל יסורים'. דאס איז א מורא'דיגער זאך, א געוואלדיגער כלל, א געוואלדיגער זאך!

רבונו-של-עולם, טוה טאקע אזוי - מען זאל זיין געזונט, און די קינדער דארפן זיין געזונט און די ווייבער דארפן זיין געזונט - און אלע אידן זאלן זיין געזונט; מיט צובראכנקייט און מיט עצבות קען מען נישט דינען דעם אויבערשטן[סז]. על-כל-פנים, מען דארף זיך באנייען, זיך באנייען, רעדן.

---

**סה.** הלכות יסודי תורה פ"ז, ה"א.

**סו.** שבת צב.

**סז.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח, וזל"ש בא"ד: "ישמח מאד ויחזק עצמו בשמחה תמיד, **כי עצבות מזיק מאד מאד! ודע, שתיכף כשאדם רוצה**

## דערציילן מעשיות ביים שבת טיש

עס איז זייער גוט צו ליינען מעשיות פון צדיקים - פון אמונה, פון בטחון - און עס דערציילן, ממש דערציילן.

עס איז דא דער לשון הגר"א[סח] וואס איך האב אפגעדרוקט[סט], שטייט דארט: אז דער גאנצער תכלית התורה איז צו האבן בטחון אין דעם אויבערשטן 'ולספר אחר כך לבניהם'! **עס איז א מצוה צו זיצן שבת ביים טיש און דערציילן מעשיות פון אמונה, פון א צדיק, פון דעם אויבערשטן, פון א מופת פון א צדיק - אט אט דאס - אמונה!** די קינדער זאלן הערן אמונה - און קינדער דערהערן דאס, קינדער זענען עס קולט!

איך האב עס דערציילט נישט איינמאל: עס איז געווען - ר' ישראל בער שיפמאן (ז"ל) האט ער געהייסן; בדרך כלל האט ער געדאוונט אין קארלין כסדר, אין זיינע לעצטערע יארן האט ער געדאוונט ביי אונז (ביהמ"ד ברסלב). 'כל ימיו' זינט איך געדענק, איז ער געווען א מלמד. ר' ישראל בער - מיט ר' יצחק אייזיק אייזן (ז"ל), די צוויי, זיי זענען געווען די מלמדים (בת"ת חיי עולם) פאר די קינדער פון דרייצן-פערצן-פופצן יאר, אזוי איז געווען.

די ווילדקייט פון די קינדער איז אמאל געווען משונה'דיג, משונה'דיג; פרייטאג איז מען געקומען אין חדר אויף צו קאמאנדעווען, עס איז נישט געווען שייך צו לערנען. האט ער געמאכט אזא זאך, אז

---

**ליכנס בעבודתו יתברך, אזי תיכף היא עבירה גדולה כשיש לו עצבות, חס ושלום, כי 'עצבות היא סטרא אחרא** (זהר נח דף עא), **והשם יתברך שונא אותה"**.

**סח.** על משלי כב, יט, וזל"ש: **"ועיקר נתינתו התורה לישראל הוא כדי שישימו בטחונם בה' כמ"ש וישימו באלוקים כסלם וגו' וג"כ לספר אח"כ לבניהם** כמ"ש למען ידעו דור אחרון. **והוא לפי שעיקר הכל הוא הבטחון השלם - והוא כלל כל המצוות**, כמ"ש ולא ישכחו וגו' ומצותיו וגו', וז"ש כאן להיות בטחונך כלומר כדי שבטחונך יהי בה' הודעתיך היום ברוה"ק שזה אות על שריית השכינה בתוך ב"י וישימו בטחונם בו אף אתה כלומר אף אתה תודיע לבניך אחריך כמ"ש למען ידעו דור אחרון וגומר".

**סט.** בקונטרס הנפלא "פסוקי בטחון".

פרייטאג פארציילט מען מעשיות - מען לערנט נישט, פרייטאג פארציילט מען מעשיות. די קארלינער האבן אסאך מעשיות - פלעגט ער זיצן און דערציילן פרייטאג מעשיות פון צדיקים.

האט מיר איינער געזאגט, אז א איד האט אים געזאגט, אז **זיין גאנצע אידישקייט איז פון די פרייטאג'ס! - דאס איז עס!** מעשיות פון צדיקים איז נישט נאר דאס, נאר דאס איז נאך בעסער ווי מוסר; 'מוסר' מיינט דער אנדערער אז מען טשעפעט אים.

נאך א גוטע מעשה וואס מען רעדט - הערט מען שוין וואס מען הערט... מען קען שוין צולייגן 'פארוואס איז דער צדיק געווען אזא בעל-מופת? - ווייל ער איז געווען א אינגעלע און ער האט געלערנט געשמאק און ער האט געהיט זיינע אויגן!' דאס איז עס, ממש אזוי!

- און א קינד זעהט - דאס איז א דאווענען, דאס איז מעשיות פון צדיקים! דער רבי זאגט[ע]: "**דוחה צרות רבות וחושך מן העולם**", אזא רוח, אזא 'רוח הנח והזך' ווערט[עא].

## בשעה שהחכם יושב ודורש

דער אויבערשטער האט הנאה פון יעדן נחת רוח! א פלא'דיגער זאך! און דאס איז דאך אויך א מורא'דיגער זאך - אז א חכם איז דורש דברי אגדה איז מען מוחל די עוונות פון די שומעים![עב]. און עס שטייט א מורא'דיגע זאך - אז דער קדיש נאכדעם איז ממש

**ע.** עי' בספה"ק "לקוטי עצות" - ערך 'צדיק', אות פ"ט, (ע"פ 'ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד): "סיפורי מעשיות מצדיקים, דהיינו שמספרין מה שנעשה עמהם, ואת כל הגדולות אשר עשו, הוא דבר גדול מאד **ועל ידי זה נטהר מחשבתו, ועל ידי זה ממתיק הדינים וניצול מכל הצרות!**".

**עא.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז.

**עב.** עי' מדרש משלי, פרשה י': "**בשעה שהחכם יושב ודורש אני מוחל ומכפר עוונותיהן של ישראל, ולא עוד, אלא שבשעה שהן עונין אמן יהא שמיה רבה אפילו אם נחתם גזר דינם אני מוחל להם ומכפר עונותיהן**".

משונה'דיג - אז דער גאנצע וועלט שטייט אויף דעם - אויף קדיש דאגדתא![עג]

זעהט וואס עס טוט זיך - וואס עס טוט זיך מיט א פשטות'דיגער זאך - אלץ פשטות'דיגע זאכן - א מורא'דיגער זאך, א געוואלדיגער זאך!

ווייל בשעת דער אויבערשטער העלפט אז מען זאגט דברי אגדה, ווי זאגט דער רבי[עד] - **"איך להוציא חכמתו שלא יהיה נבזים"**; דער כלל איז דאך אז אגדה האט מען ליב, דאס איז 'מושך את האדם' - ווערט א השראת השכינה, ווערט א מחילת עוונות[עה].

דער ספר "חרדים" רעכנט אויס (צווישן) די זעקס זאכן אויף וואס מען דארף נישט קיין תעניתים וסיגופים[עו]: 'לשמוע חכם הדורש דברי אגדה' - א מורא'דיגער זאך, געוואלדיג - אה! פשוטע זאכן, פשוטע זאכן.

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען לטובה, אלעס בתמימות ובפשיטות!; **"אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'"!**[עז]

---

**עג.** עי' גמ' סוטה מ"ט ע"א: "אמר רבא בכל יום ויום מרובה קללתו משל חבירו שנאמר בבוקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בוקר, הי בוקר? אילימא בוקר דלמחר - מי ידע מאי הוי? אלא דחליף. **ואלא עלמא אמאי קא מקיים? אקדושה דסידרא - ואיהא שמיה רבא דאגדתא** שנאמר (איוב י, כב) **"אֶרֶץ עֵיפָתָה כְּמוֹ אֹפֶל צַלְמָוֶת וְלֹא סְדָרִים"** הא יש סדרים תופיע מאופל".

**עד.** ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ח, אות ה'.

**עה.** עי' מדרש לקח טוב אסתר ה, יד: **"וצריכין אנו לעסוק בדברי אגדה שייסדו הראשונים, מפני שהם נאים ומיישבים דעת האדם, ומושכין לבו של אדם בדברים שהדעת מקבלן"**. גם עי' במדרש ילקוט שמעוני דברים יא, רמ"ז; ובספרי פר' עקב פ' י"ג: **"דורשי רשומות אומרים, רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם? למוד אגדה! שמתוך כך אתה מכיר את הקב"ה ומדבק בדרכיו!"**.

**עו.** עיי"ש פרק ע"ג - 'סגולה שישית'.

**עז.** תהלים קיט, א.

# השיר והשבח

להני נדיבים בעם, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק יפה בהוצאות המרובים, מידי חודש בחודשו.

ה"ה

מוה"ר **שלמה יוסף באש** נ"י

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** נ"י

יה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות זה וזכות הגה"צ שליט"א יעמוד להם, וכשם שהרבו פעלים להפיץ תורה ויהדות בלי גבול, כן יתן ה' להם ברכות עד בלי די, ורוב תענוג ונחת כל הימים.

# התודה והברכה

להני נדיבים בעם, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק בהוצאות המרובים.

מוה"ר **צבי בוקסבוים** נ"י

מוה"ר **יואל הירשפעלד** נ"י

מוה"ר **ציון עבדי' מאסרי** נ"י

מוה"ר **בערל ברעטלער** נ"י

מוה"ר **מיכל** (ברי"א) **שלעזינגער** נ"י

מוה"ר **משה אברהם ווידער** נ"י

מוה"ר **אשר גאנז** נ"י

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות זה וזכות הגה"צ שליט"א, יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת כל הימים.

# "יאמץ לבך"

רבונו של עולם מיר האבן אמונה אין דיר?! **דו האסט אמונה אין אונז!!** דער רבש"ע האט אמונה אין אונז (אז) אין אזא דור – אין אזא הסתר פנים – אין אזא דור המבול – האסטו אמונה אין אונז! אז דו גלייבסט אין אונז, אז מיר קענען מאכן "**פתחי לי אחותי רעיתי**"!! אז מיר קענען מאכן – **בתוקף ההסתרה קענען מיר מאכן א איתערותא דלתתא!!** דאס איז די אמונה וואס דו האסט אין אונז רבונו של עולם!!!!

(בתוך דברי הגעגועים ממורינו הגרי"מ שליט"א,
בסעודת משתה היין פורים תשס"א)